Why I Write for Children

[This statement, originally prepared by Mr. Singer for the occasion of his acceptance of the National Book Award in 1970 for *A Day of Pleasure: Stories of a Boy Growing Up in Warsaw*, was read to the assembled guests at the Nobel Prize banquet at the City Hall in Stockholm on December 10, 1978]

There are five hundred reasons why I began to write for children, but to save time I will mention only ten of them.

Number 1. Children read books, not reviews. They don't give a hoot about the critics.

Number 2. Children don't read to find their identity.

Number 3. They don't read to free themselves of guilt, to quench their thirst for rebellion, or to get rid of alienation.

Number 4. They have no use for psychology.

Number 5. They detest sociology.

Number 6. They don't try to understand Kafka or *Finnegans Wake*.

Number 7. They still believe in God, the family, angels, devils, witches, goblins, logic, clarity, punctuation, and other such obsolete stuff.

Number 8. They love interesting stories, not commentary, guides, or footnotes.

Number 9. When a book is boring, they yawn openly, without any shame or fear of authority.

Number 10. They don't expect their beloved writer to redeem humanity. Young as they are, they know that it is not in his power. Only the adults have such childish illusions.

אידיש לעבּן—אַ מוסטער פאַר אַלע פעלקער

נאָבעל לעקציע געהאַלטן אין דער שוועדישער אַקאַדעמיע דעם 8טן דעצעמבער, 1978, אין שטאָקהאָלם. — מיט דעם איינגעצויגענעם פאַראַגראַף האָט יצחק באַשעוויס אָנגעהויבן די לעקציע אויף אידיש.

דער דערציילער פון אונזער צייט, ווי פון אַלע צייטן, מוז זיין און פאַרבלייבן אַ פאַרווײַלער אין בעסטן זין פון וואָרט, נישט אַ פאַרשפּרייטער פון פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע אידעאַלן. ס'איז נישטאָ קיין גן־עדן פאַר פאַרלאַנגווייליקטע לייענער און קיין שום פאַרענטפערונג פאַר ליטעראַטור וואָס אינטערעסירט נישט דעם לייענער, דערהויבט נישט זיין געמיט, גיט אים נישט די פרייד און די פאַרגעסונג וואָס וואָרע קונסט גיט אונז. ס'איז פונדעסטוועגן אויך אמת אַז דער ערנסטער שרייבער פון אונזער צייט מוז זיין טיף אינטערעסירט אין די פּראָבלעמען פון זיין דור. ער מוז איינזען, צום ביישפּיל, אַז דער כח פון רעליגיע, ספּעציעל דער גלויבן אין

NOBEL LECTURE

DEC. 8, 1978

The storyteller and poet of our time, as in any other time, must be an entertainer of the spirit in the full sense of the word, not just a preacher of social or political ideals. There is no paradise for bored readers and no excuse for tedious literature that does not intrigue the reader, uplift his spirit, give him the joy and the escape that true art always grants. Nevertheless, it is also true that the serious writer of our time must be deeply concerned about the problems of his generation. He cannot but see that the power of religion, especially belief in revelation, is weaker today than it was in

געטלעכער אַנטפּלעקונג, איז שוואַכער היינט ווי אין וועלכער ס'איז עפּאָכע פון דער געשיכטע. גרויסע צאָלן קינדער ווערן דערצויגן אָן אמונה אין גאָט, לוין און שטראָף, דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה און אַפילו אין די פּרינציפּן פון עטיק. דער שרייבער קאָן נישט פאַרזען דעם פאַקט אַז די פאַמיליע פאַרלירט אַלץ מער און מער איר גייסטיקן פונדאַמענט. אַלע שוואַרצע נבואות פון אָסוואַלד שפּענגלער ווערן מקוים זינט דעם צווייטן וועלט־קריג. קיין שום טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען קאָנען נישט מילדערן די טיפע אַנטוישונג פון דעם היינטיקן מענטש, זיין געפיל פון איינזאַמקייט, מינדערווערטיקייט, זיין פּחד פאַר מלחמה, רעוואָלוציע, טעראָר. נישט בלויז האָט אונזער דור פאַרלוירן דעם גלויבן אין השגחה, נאָר אויך אין זיך אַליין, זיינע אינסטיטוציעס און אַפילו אויך אין זיינע נאָענטסטע.

אַ צאָל פון יענע וואָס האָבן אָנגעוואוירן דעם צוטרוי צו דער סאָציאַלער און פּאָליטישער פירערשאַפט פון אונזער געזעלשאַפט פּרואוון אין זייער פאַרצווייפלונג זוכן אַן אָנלען אין דעם שרייבער, אין דעם מייסטער פון ווערטער, אפשר וועט ער, דער מענטש פון טאַלאַנט און סענסיטיוויטעט, ראַטעווען די ציוויליזאַציע; אפשר איז פאָרט פאַראַן אין דעם קינסטלער אַ פונק פון נבואה.

ווי אַ זון פון אַ פאָלק, וואָס האָט געקראָגן די ערגסטע קלעפּ וואָס די מענטשלעכע אַכזריות און משוגעת קאָנען דערלאַנגען, מוז איך טראַכטן וועגן די סכנה'ס וואָס לויערן אויף אונזער וועלט. איך האָב מיך וויפל מאָל מייאש געווען אין יעדער הילף. אָבער יעדעס מאָל האָט זיך אויפגעוועקט אין מיר די האָפענונג, אַז אפשר איז נאָך נישט צו־שפּעט פאַר אונז אַלעמען זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון־הנפש און צו קומען צו אַ שלום. איך בין דערצויגן געוואָרן אין דער אמונה אין פרייען ווילן. איך צווייפל אין אַנטפּלעקונגען, אָבער איך קאָן קיינמאָל נישט אָננעמען אַז דער אוניווערז איז אַ פיזישער אָדער כעמישער צופאַל, אַ רעזולטאַט פון בלינדער עוואָלוציע. איך זע אויף מיין אייגענעם שטייגער די ליגנס, די שאַבלאָנען און די אָפּגעטער פון מענטשלעכן געדאַנק, אָבער איך קלאַמער מיך נאָך אַלץ אין אַ צאָל אמת'ן וואָס דאָס מענטשלעכע מין קאָן זיי אָננעמען און אויף זיי בויען. ס'איז פאַראַן, זאָג איך מיר, אַ וועג ווי אַזוי דער מענטש זאָל קאָנען געניסן אַלע מעגלעכע פאַרגעניגנס, אַלע כוחות און יעדעס וויסן וואָס די נאַטור שענקט אונז און דערביי דינען גאָט — אַ גאָט וואָס רעדט מיט מעשים, נישט מיט ווערטער און וואָס זיין ווערטערבוך איז דער קאָסמאָס.

איך שעם מיך נישט מודה צו זיין אַז איך געהער צו יענע וואָס פאַנטאַזירן, אַז די ליטעראַטור קאָן אונז ברענגען נייע האָריזאָנטן און נייע פּערספּעקטיוון — פילאָזאָפישע, רעליגיעזע, עסטעטישע און אַפילו סאָציאַלע. אין דער געשיכטע פון דער אַלטער אידישער ליטעראַטור איז קיינמאָל נישטאָ קיין גרינטלעכער אונטערשייד צווישן פּאָעזיע און נבואה. אונזער פאַרצייטיקע פּאָעזיע איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין דינים און אין אַ לעבנס־שטייגער.

אייניקע פון מיינע קאָלעגן אין דער קאַפעטעריע נעבן דעם „פאָרווערטס" האָבן מיך אָנגערופן אַ פּעסימיסט און אַ דעקאַדענט, אָבער פאַקטיש איז אַלעמאָל פאַראַן אַ הינטערגרונד פון אמונה הינטער רעזיגנאַציע.

any other epoch in human history. More and more children grow up without faith in God, without belief in reward and punishment, in the immortality of the soul, and even in the validity of ethics. The genuine writer cannot ignore the fact that the family is losing its spiritual foundation. All the dismal prophecies of Oswald Spengler have become realities since the Second World War. No technological achievements can mitigate the disappointment of modern man, his loneliness, his feeling of inferiority, and his fear of war, revolution and terror. Not only has our generation lost faith in Providence, but also in man himself, in his institutions, and often in those who are nearest to him.

In their despair a number of those who no longer have confidence in the leadership of our society look up to the writer, the master of words. They hope against hope that the man of talent and sensitivity can perhaps rescue civilization. Maybe there is a spark of the prophet in the artist after all.

As the son of a people who received the worst blows that human madness can inflict, I have many times resigned myself to never finding a true way out. But a new hope always emerges, telling me that it is not yet too late for all of us to take stock and make a decision. I was brought up to believe in free will. Although I came to doubt all revelation, I can never accept the idea that the universe is a physical or chemical accident, a result of blind evolution. Even though I learned to recognize the lies, the clichés, and the idolatries of the human mind, I still cling to some truths which I think all of us might accept someday. There must be a way for man to attain all possible pleasures, all the powers and knowledge that nature can grant him, and still serve God—a God who speaks in deeds, not in words, and whose vocabulary is the universe.

I am not ashamed to admit that I belong to those who fantasize that literature is capable of bringing new horizons and new perspectives—philosophical, religious, aesthetical, and even social. In the history of old Jewish literature there was never any basic difference between the poet and the prophet. Our ancient poetry often became law and a way of life.

Some of my cronies in the cafeteria near the *Jewish Daily Forward* in New York call me a pessimist and a decadent, but there is always a background of faith behind resignation. I found comfort in such

איך האָב געפונען טרייסט אין אַזוינע פעסימיסטן און דעקאַדענטן ווי באָדלעיר, ווערלען, עדגאַר אַלאַן פאָ און סטרינדבערג. מיין אינטערעס אין פסיכישער פאָרשונג האָט געווירקט אַז איך האָב געפונען אַ נחמה אין אַזוינע מיסטיקער ווי סוועדענבאָרג און ר׳ נחמן בראַצלאַווער, ווי אויך אין אַ גרויסן פאָעט פון מיין צייט, מיין פריינד אהרן צייטלין, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ פאָר יאָר צוריק און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גייסטיקע ירושה פון הויכן קוואַליטעט, ס׳רוב אין אידיש.

דער פעסימיזם פון דעם שעפערישן מענטש איז נישט דעקאַדענץ, נאָר אַ מעכטיקער פאַרלאַנג פאַר גאולה פון מין מענטש. אַזוי ווי דער פאָעט פאַרווילט, אַזוי זוכט ער אייביקע אמת׳ן, דעם עסענץ פון דאָזיין. ער פרואווט אויף זיין אייגענעם שטייגער צו באַשיידן דאָס רעטעניש פון צייט און פאַרענדערונג, געפינען אַן ענטפער אויף ליידן, אַנטפלעקן ליבע אין סאַמע תהום פון אַכזריות און אומגערעכטיקייט. ווי אויסטערליש די ווערטער זאָלן אייך נישט קלינגען, איך שפיל מיך אָפט מיט דעם געדאַנק, אַז ווען אַלע סאָציאַלע טעאָריעס וועלן זיך פונאַנדערפאַלן און מלחמות און רעוואָלוציעס וועלן איבערלאָזן די מענטשהייט אין פולשטענדיקער פאַרצווייפלונג, וועט דער פאָעט — יענער וואָס פלאַטאָ האָט אים פאַרטריבן פון זיין רעפובליק — אויפשטיין און ראַטעווען אונז אַלע.

דער גרויסער כבוד וואָס די שוועדישע אַקאַדעמיע האָט מיר אָנגעטאָן איז אויך אַן אָנערקענונג פון אידיש — אַ שפראַך פון גלות, אָן אַ לאַנד, אָן גרענעצן, נישט אונטערגעשטיצט פון קיין שום רעגירונג; אַ שפראַך וואָס פאַרמאָגט כמעט נישט קיין ווערטער פאַר וואָפן, אַמוניציע, מיליטערישע איבונגען און טאַקטיק; אַ לשון וואָס איז געוואָרן פאַראַכטעט סאַי פון גויים און סאַי פון רוב עמאַנציפירטע אידן. דער אמת איז, אַז וואָס די גרויסע רעליגיעס האָבן געפרעדיקט האָבן די אידן אין געטאָ פראַקטיצירט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין גרעסערע פרייד ווי לערנען וועגן מענטשן און מענטשלעכע באַציאונגען וואָס זיי האָבן אָנגערופן תורה, תלמוד, מוסר, קבלה. די געטאָ איז געווען נישט בלויז אַן אָרט פון אַנטרינונג פאַר אַ פאַרפאָלגטער מינאָריטעט, נאָר אויך אַ גרויסער עקספערימענט אין שלום, זעלבסט־דיסציפלין און הומאַניזם. רעשטלעך דערפון עקזיסטירן ביז היינט צו טאָג, נישט געקוקט אויף דער גאַנצער ברוטאַליטעט וואָס רינגלט זיי אַרום.

איך בין דערצויגן געוואָרן צווישן אַזוינע אידן. מיין פאָטער׳ס הויז אויף קראָכמאַלנע גאַס אין וואַרשע איז געווען סאַי אַ בית־מדרש, סאַי אַ בית־דין־שטוב, אַן אָרט וואו מען האָט דערציילט מעשה׳ס און וואו מ׳האָט געפראַוועט חתונה׳ס און חסידישע סעודה׳לעך. ווען איך בין געווען אַ קינד האָב איך געהערט פון מיין ברודער און מייסטער י. י. זינגער — וואָס האָט שפעטער אָנגעשריבן „די ברידער אַשכנזי״ — אַלע אַרגומענטן וואָס די ראַציאָנאַליסטן, פון שפינאָזאַ ביז מאַקס נאָרדוי, האָבן אַרויסגעטראָגן קעגן רעליגיע. פון מיין פאָטער און מוטער האָב איך געהערט אַלע ענטפערס וואָס דער גלויבן אין גאָט קאָן געבן יענע וואָס צווייפלען און זוכן דעם אמת. אין אונזער היים און אין אַ סך אַנדערע היימען זענען די אייביקע פראַגן געווען מער אַקטועל ווי די לעצטע נייעס פון דער אידישער צייטונג. נישט

pessimists and decadents as Baudelaire, Verlaine, Edgar Allan Poe, and Strindberg. My interest in psychic research made me find solace in such mystics as your Swedenborg and in our own Rabbi Nachman Bratzlaver, as well as in a great poet of my time, my friend Aaron Zeitlin, who died a few years ago and left a spiritual inheritance of high quality, most of it in Yiddish.

The pessimism of the creative person is not decadence, but a mighty passion for the redemption of man. While the poet entertains he continues to search for eternal truths, for the essence of being. In his own fashion he tries to solve the riddle of time and change, to find an answer to suffering, to reveal love in the very abyss of cruelty and injustice. Strange as these words may sound, I often play with the idea that when all the social theories collapse and wars and revolutions leave humanity in utter gloom, the poet—whom Plato banned from his Republic—may rise up to save us all.

[Mr. Singer read the following paragraph in Yiddish, at the start of the lecture.]

The high honor bestowed upon me by the Swedish Academy is also a recognition of the Yiddish language—a language of exile, without a land, without frontiers, not supported by any government, a language which possesses no words for weapons, ammunition, military exercises, war tactics; a language that was despised by both gentiles and emancipated Jews. The truth is that what the great religions preached, the Yiddish-speaking people of the ghettos practiced day in and day out. They were the people of the Book in the truest sense of the word. They knew of no greater joy than the study of man and human relations, which they called Torah, Talmud, Musar, Kabbalah. The ghetto was not only a place of refuge for a persecuted minority but a great experiment in peace, in self-discipline, and in humanism. As such, a residue still exists and refuses to give up in spite of all the brutality that surrounds it.

I was brought up among those people. My father's home on Krochmalna Street in Warsaw was a study house, a court of justice, a house of prayer, of storytelling, as well as a place for weddings and Hasidic banquets. As a child I had heard from my older brother and master, I. J. Singer, who later wrote *The Brothers Ashkenazi*, all the arguments that the rationalists from Spinoza to Max Nordau brought

געקוקט אויף אַלע מיינע אַנטוישונגען און מיין גאַנצן סקעפּטיציזם, גלויב איך אַז די פעלקער קענען אַ סך לערנען פון די דאָזיקע אידן; זייער גערעאַנקען־גאַנג, זייער אופן פון דערציען קינדער, זייער געפינען גליק דאָרט וואו אַנדערע זעען בלויז אומגליק און דערנידערונג.

פאַר מיר איז אידיש ענג פאַרבונדן מיט יענע וואָס האָבן גערעדט דאָס דאָזיקע לשון. מ'קאָן געפינען אין גייסט פון אידיש וואָרע פרייד, לוסט צום לעבן, די בענקשאַפט נאָך משיח, געדולד צו וואַרטן און אַ טיפע אָפּשאַצונג פון מענטשלעכער אינדיווידואַליטעט. ס'איז פאַראַן אַ שטילער הומאָר אין אידיש, אַ דאַנקבאַרקייט פאַר יעדן טאָג וואָס מען בלייבט לעבן, פאַר יעדן ברעקל הצלחה, פאַר יעדער באַגעגעניש מיט ליבשאַפט. אידיש איז נישט גאווה'דיק, נישט זיכער מיט נצחון. אידיש פאָדערט נישט און קעמפט נישט, נאָר קומט־איבער, לעבט־אַדורך, שמוגלט זיך אַדורך צווישן די כוחות פון צעשטערונג, וויסנדיק דערביי אַז גאָט'ס פּלאַן פאַר דער באַשאַפונג איז ערשט אין סאַמע אָנהויב.

ס'זענען פאַראַן אַזוינע וואָס רופן אָן אידיש אַ טויטע שפּראַך. אָבער מ'האָט אויך געהאַלטן קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צייט העברעאיש פאַר אַ טויטער שפּראַך. מיט אַמאָל איז העברעאיש אויפגעשטאַנען תחית־המתים אויף אַ וואונדערלעכן אופן, ממש דורך נסים. אַראַמעאיש איז זיכער געוואָרן באַטראַכט ווי טויט. אָבער אין דעם דאָזיקן טויטן לשון איז געוואָרן געשריבן דער זוהר, אַ מיסטיש ווערק פון הימלישער פּראַכט. ס'איז אַ פאַקט אַז די קלאַסיקער פון אידיש זענען אויך די קלאַסיקער פון מאָדערנעם העברעאיש. אידיש האָט נאָך ווייט נישט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט. עס אַנטהאַלט אוצרות וואָס זענען נאָך נישט אַנטדעקט פאַר דער גרויסער וועלט. עס איז אַ לשון פון מאַרטירער און קדושים, פון טרוימער און מקובלים — רייך אין הומאָר און אין זכרונות, וואָס דער מין מענטש טאָר נישט פאַרגעסן. אין אַ פיגוראַטיוון זין איז אידיש דאָס קלוגע און אונטערטעניקע לשון פון אונז אַלעמען, דער אידיאָם פון דער דערשראָקענער און האָפנדיקער מענטשהייט.

out against religion. I have heard from my father and my mother all the answers that faith in God could offer to those who doubt and search for the truth. In our home and in many other homes the eternal questions were more actual than the latest news in the Yiddish newspaper. In spite of all the disenchantments and all my skepticism, I believe that the nations can learn much from those Jews, their way of thinking, their way of bringing up children, their finding happiness where others see nothing but misery and humiliation.

To me the Yiddish language and the conduct of those who spoke it are identical. One can find in the Yiddish tongue and in the Yiddish style expressions of pious joy, lust for life, longing for the Messiah, patience, and deep appreciation of human individuality. There is a quiet humor in Yiddish and a gratitude for every day of life, every crumb of success, each encounter of love. The Yiddish mentality is not haughty. It does not take victory for granted. It does not demand and command but it muddles through, sneaks by, smuggles itself amid the powers of destruction, knowing somewhere that God's plan for Creation is still at the very beginning.

There are some who call Yiddish a dead language, but so was Hebrew called for two thousand years. It has been revived in our time in a most remarkable, almost miraculous way. Aramaic was certainly a dead language for centuries, but then it brought to light the Zohar, a work of mysticism of sublime value. It is a fact that the classics of Yiddish literature are also the classics of the modern Hebrew literature. Yiddish has not yet said its last word. It contains treasures that have not been revealed to the eyes of the world. It was the tongue of martyrs and saints, of dreamers and Kabbalists—rich in humor and in memories that mankind may never forget. In a figurative way, Yiddish is the wise and humble language of us all, the idiom of frightened and hopeful humanity.